**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/29/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**שטייענדיג אין 'פרייד' חודש, אנאנסירט גאווערנער האקול א 33.5 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו שטיצן ניו יארק'ס +LGBTQ קאמיוניטי**

***20 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין הייזער פאר +LGBTQ עלטערע מענטשן — אריינרעכענענדיג 5 מיליאן דאלאר ספעציפיש פאר דזשענדער-צוגעפאסטע הייזער וועלכע שטיצן די טראנס קאמיוניטי***

***שטעלט פאר 12.5 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג פאר די אמעריקאנע +LGBTQ מוזעאום ביי די ניו יארקע היסטארישע געזעלשאפט, די ערשטע מוזעאום פון די סארט געווידמעט צו +LGBTQ היסטאריע און קולטור***

***אנאנסירט פארברייטערונג פון די 'לארענא בארדזשעס טראנסדזשענדער און נישט-ביינערי וואוילזיין און גלייכקייט קאסע' צו 3 מיליאן דאלאר מיט 1 מיליאן דאלאר אין זעלבסטמארד פארמיידונג פינאנצירונג פאר טראנס יונגווארג***

***בויט ארויף אויף לאנד'ס-פירנדע געזעצן וועלכע זענען לעצטנס אריבערגעפירט געווארן דורך די גאווערנער צו מאכן ניו יארק פאר א זיכערע האפן פאר טראנס מענטשן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 33.5 מיליאן דאלאר זענען צוגעטיילט געווארן צו פארגרעסערן שטיצע פאר +LGBTQ ניו יארקער, אריינרעכענענדיג מער אינוועסטירונגען אין די טראנסדזשענדער, נישט-ביינערי קאמיוניטיס און די וועלכע האלטן זיך נישט צו איין דזשענדער וועלכע פארברייטערן און בויען ארויף אויף די פארשריט פון די 'לארענא בארדזשעס טראנסדזשענדער און נישט-ביינערי וואוילזיין און גלייכקייט קאסע' (Lorena Borjas Transgender and Non-Binary Wellness and Equity Fund). די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 רעכנט אריין 20 מיליאן דאלאר פאר +LGBTQ-צוגעפאסטע האוזינג פראיעקטן פאר עלטערע מענטשן — 5 מיליאן דאלאר דערפון גייענדיג ספעציפיש פאר דזשענדער-צוגעפאסטע האוזינג פראיעקטן וועלכע שטיצן טראנסדזשענדער מענטשן, אזעלכע וועלכע האלטן זיך נישט צו איין דזשענדער און נישט-ביינערי (transgender, gender non-conforming, and non-binary, TGNCNB) מענטשן. די אינוועסטירונג רעכנט אויך אריין 12.5 מיליאן דאלאר צו העלפן די אמעריקאנע +LGBTQ מוזעאום פארזיכערן א נייע קביעות'דיגע היים ביי די ניו יארקע היסטארישע געזעלשאפט (New-York Historical Societ), ווי איך 1 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר זעלבסטמארד פארמיידונג צווישן יונגווארג צו שטיצן TGNCNB ניו יארקער.

"אין די צייט וואס אנדערע סטעיטס ארבעטן צו אוועקרייסן די רעכטן פון +LGBTQ מענטשן, איז ניו יארק מער איבערגעגעבן פון סיי ווען בעפאר צו באשיצן, שטיצן און אונטערהייבן די קאמיוניטי," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פון גייסטישע געזונטהייט קעיר ביז שטיצנדע האוזינג, ארבעט מיין

אדמיניסטראציע מידלאזערהייט צו טרעפן ברייטע לייזונגען צו אדרעסירן די אומגלייכקייטן און אומרעכטן מיט וועלכע +LGBTQ ניו יארקער טרעפן זיך אן, און מיר וועלן פארזעצן צו ארבעטן צו אדרעסירן די אייגנארטיגע שוועריגקייטן וועלכע טרעפן אן די קאמיוניטי פון טראנסדזשענדערס, נישט-ביינערי מענטשן און אזעלכע וועלכע האלטן זיך נישט צו איין דזשענדער."

די היינטיגע אנאנס שטעלט פאר 20 מיליאן דאלאר וועלכע זענען ארייננעלייגט געווארן אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 צו צוגעטיילט ווערן פאר +LGBTQ-צוגעפאסטע האוזינג פראיעקטן פאר עלטערע מענטשן דורך ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל ( Homes and Community Renewal, HCR), ארויס פון וועלכע 5 מיליאן דאלאר וועלן גיין ספעציפיש פאר דזשענדער-צוגעפאסטע האוזינג פראיעקטן וועלכע שטיצן TGNCNB מענטשן. די פינאנצירונג אנערקענט אז עלטערע +LGBTQ ניו יארקער טרעפן זיך אן מיט אייגנארטיגע שוועריגקייטן ביים טרעפן אפאָרדעבעל און פאסיגע האוזינג, און זיי האבן אפט זארגן איבערן ווערן שלעכט באהאנדלט דורך האוזינג פראָוויידערס און שכנים צוגלייך.

די העכערונג פארגרעסערט די סומע סטעיט אגענטור געלטער וועלכע גייען צו שטיצן די TGNCNB קאמיוניטי צו 3 מיליאן דאלאר פאר פיסקאלע יאר 2024, ארויפבויענדיג אויף די 'לארענא בארדזשעס טראנסדזשענדער און נישט-ביינערי וואוילזיין און גלייכקייט קאסע'. די צוגעקומענע פינאנצירונג – א 50% העכערונג אין צוגעטיילטע סטעיט אגענטור געלטער פאר דעם וויכטיגן פראגראם – וועט געציהלט ווערן פאר קאמיוניטי-באזירטע אגענטורן וועלכע ארבעטן צו פארקלענערן די סכנה פון זעלבסטמארד צווישן יונגע TGNCNB ניו יארקער אין א קריטישע צייט — אזוי ווי לעצטיגע פארשונגען ווייזן אן אז די זעלבסטמארד ראטע צווישן טראנסדזשענדער מענטשן איז אומגעפער דריי און א האלב מאל אזוי הויך ווי צווישן די אלגעמיינע באפעלקערונג.

גאווערנער האקול'ס בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 רעכנט אויך אריין 7.5 מיליאן דאלאר אין איינמאליגע פינאנצירונג צו העלפן די אמעריקאנע +LGBTQ מוזעאום זיך פארזיכערן א נייע קביעות'דיגע היים. די +LGBTQ מוזעאום וועט שטיין ביי די ניו יארקע היסטארישע געזעלשאפט, אויפנעמנדיג די אויבערשטע שטאק פון א נייע פילשטאקיגע פליגל וואס געפונט זיך יעצט אונטער דעוועלאפמענט. פריער דעם חודש האט גאווערנער האקול אנאנסירט א גרענט פון נאך 5 מיליאן דאלאר פאר די ניו יארקע היסטארישע געזעלשאפט דורך די ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק'ס ( New York State Council on the Arts, NYSCA) 'גרויסע אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונג גרענטס' ( Large Capital Improvement Grants) פראגראם. די NYSCA גרענט וועט שטיצן דעם אנגייענדן פארברייטערונג פראיעקט און די אויפשטעלונג פון די +LGBTQ מוזעאום, וואס וועט זיך עפענען לויט די פלענער אין 2026.

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "די HCR איז שטאלץ צו שפילן א ראלע אין די לאנד'ס-פירנדע אונטערנעמונג צו ארויפבויען אויף די גאווערנער'ס איבערגעגעבנקייט צו באדינען און באשיצן TGNCNB ניו יארקער און צו אינוועסטירן אין זייער רעכט צו יושר'דיגע האוזינג פון א הויכע קוואליטעט וואס קומען נאך זייערע באדערפענישן. דאס צושטעלן הייזער פאר די מענטשן וועט טוישן לעבנס און העלפן מאכן ניו יארק פאר א זיכערערע און מער גלייכע פלאץ פאר יעדן צו רופן א היים."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health, OMH) קאמישאנער, דר.ען סאָליוון, האט געזאגט,** "די OMH איז שטאלץ צו שטיצן טראנסדזשענדער ניו יארקער און אזעלכע וועלכע האלטן זיך נישט צו איין דזשענדער וועלכע, צום באדויער, האבן באדייטנד העכערע אויסזיכטן צו ארייננפאלן אין דעפרעסיע, דראג באנוץ און זעלבסטמארד. א דאנק די שטארקע פירערשאפט פון גאווערנער האקול, ארבעט די OMH צו זיכער מאכן אז אלע איינוואוינער פון אונזער

סטעיט – און באזונדערס די וועלכע האבן נישט באקומען גענוג סערוויסעס אין די פארגאנגענהייט – האבן צוטריט צו די אויפפירונג העלטקעיר וואס זיי דארפן."

**ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק עקזעקיוטיוו דירעקטארין, מארא מאנוס, האט געזאגט,** "אזוי ווי ניו יארק שפילט א הויפט ראלע אין די היסטאריע פון די LBGTQ+ קאמיוניטי, איז די NYSCA גאר באגייסטערט צו שטיצן די היים פון די אמעריקאנע LGBTQ+ מוזעאום ביי די ניו יארקע היסטארישע געזעלשאפט מיט אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג. אלע אונזערע לעבנס ווערן בארייכערט און פארשטערקערט ווען מיר פייערן אונזערע קאמיוניטיס און אנערקענען זייערע אינדיווידועלע היסטאריעס, אידענטיטעטן און קולטורן. די NYSCA אפלאדירט די גאווערנער פאר איר ארויסגעוויזענע איבערגעגעבנקייט צו באשיצן די געזונטהייט און וואוילזיין פון די LGBTQ+ קאמיוניטי."

**סטעיט סענאטאר ברעד האָילמאן-סיגעל האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול פארן ארבעטן צוזאמען מיט די סענאט פירערין ענדריע סטוּערט-קאָזינס און מיט אונזערע שותפים אין די אסעמבלי צו לייגן די באדערפענישן פון די LGBTQ קאמיוניטי אלץ א פריאריטעט דורכן ארויפבויען אויף די לארענא בארדזשעס טראנסדזשענדער און דזשענדער נישט-ביינערי וואוילזיין און גלייכקייט קאסע און דורכן פארזיכערן מיליאנען דאלארן פאר די נייע אמעריקאנע LGBTQ+ מוזעאום אין מיין סענאט דיסטריקט, העלפנדיג זיכער מאכן אז אונזער קאמיוניטי'ס היסטאריע ווערט קיינמאל נישט פארגעסן. מיט LGBTQ מענטשן ווערנדיג אטאקירט אין לעגיסלאטור הייזער אין סטעיטס ארום דאס לאנד, בין איך שטאלץ אז ניו יארק שטייט שטארק מיט אונזער קאמיוניטי."

**אסעמבלי מיטגלידערין לינדע ב. ראזענטאל האט געזאגט,** "אויפשטעלן א מוזעאום וואס איז געווידמעט פאר די היסטאריע און קולטור פון די LGBTQIA+ קאמיוניטי איז א וועזנטליכע ביישפיל פון ניו יארקע ווירדן. אזוי ווי סטעיט לעגיסלאטורן ארום דאס לאנד שלאגן פאר און פירן אריבער פיינטליכע געזעצן, צוריקדרייענדיג די רעכטן פון די LGBTQIA+ קאמיוניטי, זעצט ניו יארק סטעיט פאר צו זיין א זיכערע האפן פאר יעדן. איך בין שטאלץ צו האבן געווען א חלק פון די ערפאלגרייכע אונטערנעמונג צו פארזיכערן די גאר-נויטיגע פינאנצירונג אין די היי-יאריגע סטעיט בודזשעט פאר די סאמע ערשטע פערמאנענטע LGBTQIA+ מוזעאום וואס וועט זיך געפונען ביי די ניו יארקע היסטארישע געזעלשאפט אין מיין אסעמבלי דיסטריקט. דורכן אויפשטעלן א פלאץ וואו מענטשן פון ארום די גאנצע וועלט קענען זעהן און לערנען איבער די געי רעכטן באוועגונג, וועלן מיר באעהרן די ערפארונגען און שוועריגקייטן וואס די קאמיוניטי איז אריבערגעגאנגען און אין די זעלבע צייט פייערן זייער שטאנדהאפטיגקייט און עררייכונגען. די מוזעאום וועט ווערן א נקודה פון שטאלץ, נישט נאר פאר אונזער שטאט און סטעיט, נאר אויך פאר די גאנצע LGBTQIA+ קאמיוניטי."

**עליסא קרעספאו, עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון די NEW Pride Agenda האט געזאגט,** "די 'לארענא בארדזשעס טראנסדזשענדער און נישט-ביינערי וואוילזיין און גלייכקייט קאסע' האט זיך אנגעהויבן אלץ א רוף צו פינאנצירן און צושטעלן מיטלען אויף א פאסיגע פארנעם פאר ארגאניזאציעס וועלכע באדינען ניו יארק'ס שטאנדהאפטיגע טראנסדזשענדער און דזשענדער-אויסברייטערנדע קאמיוניטי. היינט, איז די קאסע א מולטי-מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג קאסע צווישן מערערע אגענטורן וואס וועט שטיצן די ארגאניזאציעס וועלכע ארבעטן צו פארשטערקערן אונזער קאמיוניטי'ס געזונטהייט און וואוילזיין. מיר זענען באגייסטערט איבער די פארברייטערונג פון די קאסע אריין צו די סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט — א סארט קעיר פאר וועלכע אונזער קאמיוניטי האט געהאט א גרויסע נויט. מיר קוקן ארויס צו זעהן די צוקונפט פון די קאסע אזוי ווי מיר ארבעטן זיך צו באנעמען מיט מער געזעלשאפטליכע און עקאנאמישע אנגעלעגנהייטן וועלכע פלאגן אונזער קאמיוניטי. מיר אפלאדירן די פירערשאפט פון אונזער סטעיט פארן ארבעטן בשותפות צו מאכן די ספעציעלע אינוועסטירונג פאר א מציאות."

**אמענדע באבין, עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון Equality New York, האט געזאגט,** "די 'פּרייד' סעזאן איז געווען היסטאריש. א דאנק גאווערנער האקול האבן מיר דורכגעפירט דעם יוני א רעקארד-הויכע צאל פון פרא-LGBTQI געזעצן דא אין ניו יארק — די פארקערטע פון וואס עס קומט פאר איבערן לאנד."

**מעליסא סקלאַרז, פאליטישע דירעקטארין פון Equality New York, האט געזאגט,** "פּרייד 2023 קומט צו א שלוס ארויפבויענדיג אויף פאריגע עררייכונגען און הצלחות. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן די 'טראנס זיכערע האפן' ביל, דערמאנענדיג יעדן אז ניו יארק וועט פארזעצן צו זיין א לעכטיגע ליכטטורעם פאר טראנס מענטשן און זייערע פאמיליעס. איך בין דאנקבאר פאר די לעגיסלאטור פארן פארזעצן צו פינאנצירן די לארענא בארדזשעס געזונטהייט און אויפקלערונג קאסע, ברענגענדיג גלייכקייט פאר טראנס ארבעט אריבער די סטעיט. 'פּרייד' איז וועגן באפרייאונג און גערעכטיגקייט, אבער אין די צענטער דערפון, אין ניו יארק, איז שטענדיג דא א גרויסע הויפן פון פרייד."

**לין פאריא, עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט פון SAGE, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס ארויסגעוויזענע שטיצע פאר די LGBTQ+ קאמיוניטי אריבער עטליכע דורות איז א באדייטפולע הויכפונקט פון 'פּרייד' חודש. SAGE אפלאדירט די גאווערנער פאר איר איבערגעגעבנקייט צו שטופן פאר די אנטוויקלונג פון מער LGBTQ+-אריינגעמנדע אפּאָרדעבעל הייזער פאר עלטערע מענטשן אריבער די סטעיט. אויף א טראגישן אופן, גייען ניו יארק'ס עלטערע LGBTQ+ פיאנירן אריבער העכערע שטאפּלען פון פינאנציעלע אומזיכערהייט און נישט האבן סטאבילע הייזער. מיט די קריטישע שטיצע פון די גאווערנער וועלן מער עלטערע LGBTQ+ מענטשן בקרוב קענען צוקומען צו די זיכערע און צוגעפּאסטע האוזינג פאר עלטערע מענטשן וואס קומט זיך זיי אזוי ערליך."

**בען גארסיע, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די אמעריקאנע LGBTQ+ מוזעאום, האט געזאגט,** "די געלטער פאר אונזער סטעיט'ס ערשטע מוזעאום פון LGBTQ+ היסטאריע און קולטור איז א קלארע סטעיטמענט פאר ניו יארקער און פאר די מענטשן וועלכע וועלן באזוכן פון ארום דאס לאנד און די גאנצע וועלט אז אונזערע היסטאריעס מאכן אויס. עס איז אן אינוועסטירונג דורך אונזערע ערוויילטע פירער אין די געדאנק אז עס קומט זיך פאר LGBTQ+ יונגווארג און פאמיליעס צו האבן פלעצער וואו זיי קענען זיך פארבינדן צו די אמאליגע חכמה און עס ווייטער טראגן אויף פאראויס."

**דר. לואיז מירער, פרעזידענט און CEO פון די ניו יארקע היסטארישע געזעלשאפט, האט געזאגט,** "מיר זענען גאר דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו אונזער ארבעט ביי די ניו יארקע היסטארישע געזעלשאפט אזוי ווי מיר זעצן פאר צו פארציילן די LGBTQ+ היסטאריע פאר א ברייטערע קהל דורך אונזערע אויסשטעלונגען און פראגראמען. די לעצטערע אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג פון ניו יארק סטעיט איז א וויכטיגע טייל פון אונזער פארברייטערונג פראיעקט אזוי ווי מיר שטעלן אויף א נייע פליגל וואס וועט אריינעמען די אמעריקאנע LGBTQ+ מוזעאום אונטער אונזער דאך."

**גלענדא טעסטאָן, עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון ניו יארק סיטי'ס לעסביען, געי, ביסעקסואל און טראנסדזשענדער קאמיוניטי צענטער, האט געזאגט,** "די צענטער איז באגייסטערט צו באעהרן 'פּרייד' חודש מיט גאווערנער האקול, סענאטאר האָילמאן, אסעמבלי מיטגליד בראנסאן און אזויפיל קאמיוניטי שותפים, דורכן דעקלערן ענטוזיאסטיש אז ניו יארק סטעיט איז א זיכערע האפן פאר טראנס יונגווארג און זייערע פאמיליעס. אין א צייט ווען געוויסע חלקים פון אונזער לאנד קערן זיך מער און מער אין די ריכטונג פון צוריקווייזן יונגע LGBTQ+ מענטשן, נעמט ניו יארק סטעיט אונטער וויכטיגע, שטיצנדע מאסנאמען צו נאכקומען די נויט פאר זיכערע צוטריט צו דזשענדער-צוגעפּאסטע מיטלען. מיר קוקן ארויס צו ארויפבויען אויף די הצלחה פון דעם 'פּרייד' סעזאן צו מאכן א ניו יארק פאר אונז אלע."

שטייענדיג בעפאר די הײ-יאריגע 'פרייד' מארש אין ניו יארק סיטי, האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן א מהפכיות'דיגער נייער געזעץ וואס מאכט ניו יארק פאר א "זיכערע האפן" פאר די טראנס קאמיוניטי דורכן זיכער מאכן אז ניו יארק וועט באשיצן טראנס יונגווארג, זייערע עלטערן און זייערע דאקטוירים, און אזוי אויך נאך א געזעץ וואס באשיצט זייער רעכט צו באקומען אדיקשען באהאנדלונג און ריהעב. די גאווערנער האט אויך אונטערגעשריבן נייע געזעצן צו טויישן ווערטער אין לעגאלע דאקומענטן אין ניו יארק צו ארויסנעמען פארעלטערטע טערמינען וואס לייגן ארויף סטיגמעס.

אין דעצעמבער 2022 האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן א רייע געזעצן צו אדרעסירן העלט קעיר אומגלייכקייטן אין די +LGBTQ קאמיוניטי. דורכן ערלויבן אנטלאפענע און היימלאזע קינדער אונטער 18 יאר צו מאכן זייער אייגענע העלט קעיר באשלוסן (געזעץ A.9604/S.8937) און בעסער צוגרייטן נוירס און היים געזונטהייט געהילפן צו ארבעטן מיט +LGBTQ באפעלקערונגען (געזעץ A.1880A/S.2534A), האבן די נייע געזעצן פארברייטערט שוץ מאסנאמען אין העלט קעיר פלעצער פאר מענטשן וועלכע אידענטיפיצירן זיך אלץ +LGBTQ. די גאווערנער האט אויך אונטערגעשריבן א געזעץ צו אויפפאדערן סיי וועלכע אינשורענס פאליסי וואס דעקט פרעסקריפשען מעדיצינען צו אריינרעכענען דעקונג פאר די קאסטן פון PrEP און PEP באהאנדלונג — צוויי וויכטיגע מיטלען צו פארמיידן די פארשפרייטונג פון HIV.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418